STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03506

UNTER FAYER

Yosef Papyernikov

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. פאַפּיערניקאָוו

אונטער פּייער

לידער

פארלאג „אייגנס" תל-אביב 1939

Copyright by J. Papiernikow
Tel-Awiw, Zerubawel 10 — Palestine

דפוס „ליגא״ רמת־גן,
דרוקעריי „ליגא״ רמת־גן
Printed in Palestine

י. פּאַפּיערניקאָוו * אונטער פֿייער

אַלע די, וואָס זענען דאָ געפֿאַלן אין און
פֿאַרן הויז; בײַ שוועל און טיר און
אויפֿן וועג פֿון שטאָט אין דאָרף: אין
גאַנג אין פֿרידלעכן, צו אַרבעט, בוי-
און איבערבוי, און אויף דער וואַך
אַנטקעגן שונא'ס בייז און שלעכטס —
געהייליקט.

הילע געצייכנט פון דוד גלבוע (האַמער)

מײן ברענענדיקער שטאם

װי זאָל איך דיך אַרומנעמען, מײן ברענענדיקער שטאָם,
אַז כ׳בין אַלײן אין פײער און אין פלאָם
פון צער און צאָרן — פונקט װי דו,
און װאָס עס טרעפט װו דיך —
טרעפט אױכעט מיך:
דײן טרױער־זינגער, װאָס באַקלאָגט
די נעסטן דײנע,
װאָס אַ יעדער װינט צעטראָגט.

װי זאָל איך דיך אַרומנעמען, מײן ברענענדיקער שטאָם,
אױף װעמענס אַלט־צעצװײַגטן קאָפּ —
עס לאָזן אַלע דונערס זיך אַראָפּ
מיט בליצן, װי די שאַרפן,
און אױף װעמען יעדער שטורעם גרײט איז
מיט דער גאַנצער װילדקײט זיך צו װאַרפן,
װי אַ רױב־חיה אױף דעם, װאָס שוצלאָז איז און שװאַך,
און — אױסצװאָרצלען דיך פון אַלע טיפן,
און אַראָפּצוטראָגן דיך פון יעדער פלאַך,
אַראָפּטראָגן, װי אַש מיט רױך פון פײער־פלאַם, —
װי זאָל איך דיך אַרומנעמען, מײן ברענענדיקער שטאָם!?

עפּנט!

פּויקט עס טאָג און נאַכט מיר אין די אוירן:
— עפּנט, עפּנט, עפּנט אונז די טוירן!
לאָזט אַריין! — פון אומעטום געטריבן —
איז קיין אַנדער אויסוועג נישט געבליבן:
קלאַפּן מיינע ברידער אין בהלה,
ווי עס וואָלט זיי נאָכגעיאָגט די קללה,
נאָכגעיאָגט אויף בייזע ווינטן קאַלטע
פון די פרעמדע היימען, פון די אַלטע,
וווּ עס האָבן דורות צוגעבונדן
און — פון בלינדער שנאה אָנגעצונדן —
ברענען זיי און שטייען איצט אין פלאַמען
ביז די טיפסטע וואָרצלען פון די שטאַמען.

פּויקט עס טאָג און נאַכט מיר אין די אוירן:
— עפּנט, עפּנט, עפּנט אונז די טוירן! —
ערד איז אין מדבריות אויך פאַרהאַנען,
ס'זענען כוחות גרייט זיך איינצושפּאַנען
אויך אין בערג אין שטיינערנע פון סטעפּעס,
אַבי קענען וווּ דערגייז צו עפּעס,
אַבי האָבן וווּ דעם קאָפּ צו לייגן,
אין צו פילן, אַז דאָס העמד איז אייגן,
און די נעסט איז וואַרעם, ווי בא טויבן,
און דאָס ברויט איז זיכער, ווי דער גלויבן
אין אַ כוח וועלכער גייט פאַרלוירן...
עפּנט, עפּנט, עפּנט אונז די טוירן!

*

ווי מען בייזערט זיך אויף אַ געליבטער
און מען ווערט צו איר פון טענות אָנגעצונדן —
בין איך, צווייטע היים מיינע,
מיט דיר געוואָרן ברוגז׳
און אַ ברוגזער — מיט דיר מיין גורל שוין פאַרבונדן.

כ׳האָב שוין מער און גאָרנישט אויסער — דיך,
ס׳איז הינטער מיר געריסן שוין די בריק,
נישטאָ, נישטאָ שוין קיין צוריק
צו אַלץ, וואָס כ׳האָב געלאָזט ווו הינטער זיך.

און אפשר איז מיין אַלטע היים נישטאָ שוין מער, נישטאָ,
אַ חוץ די הענגענדיקע הימלען —
נידעריק און גראָ,
ווי אויסגערונען
איבער אַלע מיינע נאָענטע און אייגענע,
וואָס זוכן בלויז דעם אויסוועג צו געפינען,
און ווי וויינענדיקע ווערבעס ביי די טייכן —
טראָגן זיי פאַרלוירענע די קעפּ
צעשלאָגן, ווי פון שווערע דונער־קלעפּ...

נישטאָ׳ נישטאָ שוין קיין צוריק,
און כ׳האָב זיך, לאַנד, מיט דיר פאַרבונדן,
ווי מיט אַ באַנדאַזש אויף מיינע ווונדן.

שכנות

תל־אָביב און יפו, שכנות צוויי;
ס'איז יפו אַלט, און יונג איז תל־אָביב,
פּאַר ווענען ס'קומען טעגלעך שיף נאָך שיף
צום יפוער ברעג,
און גייען אויסגעלאָדענע אַוועק.

קוקט יפו אַ פאַרפינצטערטע,
אָן אָנגעכמורעטע אויף תל־אביב:
איין הימל איבער בײדע,
בלוי און קלאָר און טיף;
איין זון באַשיינט זיי ביידן אַזוי העל,
און טיר באַ טיר,
און שוועל באַ שוועל —
איז יפו אויפן פּאָן פון אירע טעג
אַ גרויסער שווערער וואָלקן
ביז צום תל־אָביבער וועג,
און תל־אָביב איז: ליכט אויף ליכט,
אַ ליכטיק בילד געראַמט אין גאָלד,
אַ יונגע, אַ צעוואַקסענע מיט אַפּעטיט,
וואָס וואָלט אויך יפו איינשלינגען געוואָלט...

איז בייז אויף דער יאָהודיע תל־אביב —
די שכנה יפו אין איר שוואַרצן שלייער,
אונטער וועלכן זי באַהאַלט
איר קנאָה, שנאָה, גיפט און פייער.

צו אבדאללא׳ן

קוק נישט אַבדאַללאַ אויף מיר, מיט אַזאַ נישט פאַרטרויען
און זייטיקן חשד, ווי אַ הונט קוקט אַמאָל אויף דער האַנט...
מיר זענען דאָ שכנים, פון אונטער איין הימל אַ בלויען,
איין ליכטיקע זון נאָר — אַוועקנעמען דאַרף מען די וואַנט
וואָס טיילט אונז, אַבדאַללאַ, פונאַנדער נישט גלייכע, צום לאַנד.

אמת — עס זענען אַ סאַך דאָ פון „מיינע" פאַרהאַנען,
וואָס האַלטן אַז ס׳לאַנד דאָ איז זייערס פון דור־דורות שוין,
און וואָלטן געוואָלט דיך אינגאַנצן פאַרטרייבן פונדאַנען,
פאַרכאַפּן, פאַרנעמען און זיין דאָ די הערשער אַליין
און זיפּזוכן נאָך די פון דורות־פאַרזשאַווערטע קרוין...

גלוי: מיר, אַבדאַללאַ, אַז וויפל מיר זענען זיך פרעמדלעך
און אינערלעך וויים, ווי דער שטאָטישער איז פון פעלאַך —
די היימישע „שוואַרצע", און „ברוינע" אין זייערע העמדלעך —
זיי זענען מיר פרעמדער, אַבדאַללאַ, און ווייטער אַ סך,
אַן פינסטערער, פינסטער אַפילו אין ליכט פון תנ״ך...

ג׳וויס נישט, אַבדאַללאַ, צי האָסט מיך אינגאַנצן פאַרשטאַנען,
נישט־קשה! צי פריער, צי שפּעטער, — דו וועסט שוין פאַרשטיין.
אַז ס׳זענען, ווי איך דאָ — אַ סאַך נאָך אַזעלכע פאַרהאַנען,
וואָס זענען אַזוי ווי פאַר זיך — גרייט מיט דיר אויך צו גיין —
נישט לאָזן דיך אונטער דער בייטש פון עפענדי, אַליין.

פינסטערניש

... פינסטערניש וויל נישט קיין ליכט דאָ —
(דאָס ליכט מאַכט זי בלינד...)
און זי רייסט זיך פאַרלעשן עס,
לעשן מיט סטעפּישן ווינט,
און זי וואַרפט זיך דערויף, ווי אַ הונט פון דער קייט,
און איז גרייט — — —
און איז גרייט עס צו שיקן דעם טויט: —
גיי, פאַרלענד, גיי פאַרניכט,
און אַ סוף מיטן ליכט,
און מיט די, וועלכע טראָגן דאָס ליכט ווו אַריין,
און זאָל פינסטער דאָ זיין,
ווי אַמאָל איז געווען:
ס'איז דער בליץ פונעם מעסער דעם בלאַנקן—דאָס ליכט
און דעם רויב קען מען אויך אינדערפינסטער דערזען...

און וואָלקנס מיט פינסטערניש ציען אַזוי —
איבער וואַלד, איבער פעלד,
איבער הויז, איבער צעלט,
איבער שטאַלן מיט קי,
איבער רינדער און שאָף,
איבער מענטשלעכער מי
און פאַרמאַטערט געזיכט,
איבער רו, איבער שלאָף,
איבער חלום פון ליכט.

אין נעכט פון שרעק

אַז די לופט שמעקט מיט בלוט און מיט פייער און שרויט —
ליגט מען באַנאַכט און מען טראַכט וועגן טויט;
פון אַ טויט, וואָס קען קומען צו יעדע מינוט,
דורך קאַלטע, דורך רוצחישע בלוטיקע הענט,
וואָס האָבן דאָס מענטשלעכסטע לאַנג שוין געשענדט.

אַזוי יעדע נאַכט נאָכן שליסן די טיר,
ווען כ׳וואַרט, אַז די רו זאָל מיך קומען באַשלאָפן —
פיל איך דעם דרויסן אַרום און אין מיר,
ווי די טיר — אַ פאַרמאַכטע — געבליבן וואָלט אָפן,
און אינדערטיר, אויף דער שוועל פיל איך נאַכט,
צעשויבערטע נאַכט, וועלכע הערט נישט אויף דראָען,
ווי עס וואָלט האַלטן באַם אויפרייסן עפּעס
אַזוינס, וואָס קען ברענגען פאַר שרעק צו שגעון.

די שווארצע האנט

אויך דאָ שוין האָט דערגרייכט די האַנט די שוואַרצע
וועלכע זייעט חשכות איבער וועלט,
און שניידט און פירט די פרוכט פון שוואַרצן שניט אויך
דאָ, פון גאָלדענעם, פון יונגן פעלד.

שוין טעג, שוין לאַנגע טעג, ווי שוואַרצע וואָלקנס
ווערן אין די נעכט פון שרפות רויט,
און בלינדער מענטשן־שטורעם פון דער פינסטער
גייט אויף לעבן און לאָזט איבער — טויט.

און הענט, וואָס אַקערן באַטאָג און זייען,
מוזן ביקסן טראָגן גאַנצע נעכט,
און וואַך־זיין, גרייט־זיין — אויפנעמען דעם שכן,
ווי ס׳פאַרדינט אַזאַ, וואָס רויבט און שעכט.

און ס׳טרעפט זיך אָפט (ווי ס׳קען און ס׳מוז זיך טרעפן
אין אַ צייט פון פייער און פון גרויל) —
און ס׳היילט „אַזאַ" פאַר ווייטאָג, ווי אַ חיה
אין דער נאַכט געטראָפן פון אַ קויל.

און ס׳טרעפט, אַז ס׳קלאָגט „אַזאַ" זיך פאַר אַ ייד ווען,
קלאָגט און וויינט און שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט
און שווערט באַ „אַללאַ" — נעמען ווען נקמה
אָן עפענדיס רויבערישער האַנט.

די האַנט, וואָס פירט, פאַרפירט אַזעלכע בלינדע,
פירט פאַר אָרעם ליכט פון גראָשן־געלט ;
אַ האַנט, וואָס וויל זיך פעט־מאַכן דעם באָדן
אויך מיט זיי — דאָס ווילד־גראָז אויפן פעלד.

פּליטים

צינדט מעןביימער — ברענען נעסטן,
פליען פייגל זיך פונאַנדער — — —
ווידער אַלטע גלות־בילדער
דאָ — נאָך גלות־איבערוואַנדער.

ווידער בילדער אויפגעלעבטע
אינעם פאָלקס־גורל דעם האַרבן
(טרעמבאַטש, ווײַנלעז און מינקאָווסקיס
גראָע לייוונטן און פאַרבן):

שריפות, וואָלקנס רויך און פליטים,
אויגן פול מיט שרעק געצונדן,
קליאַטשעס, פירלעך פול מיט בראָכוואַרג,
נויט אין קלומיקעס געבונדן:

ציען אַלטע, ציען יונגע
אָן אַ ווו־אַהין צו וויסן —
אַבי מיט אַ גרויסער עדה
ערגעץ זיך צונויפצוגיסן.

און צעטריבן, און צעטראָגן,
ווי אַ טשערעדע — פון פלאַמען —
צו אַ סטאַדע צו אַ גאַנצער
טוליען זיך, און זיין צוזאַמען: —

זיצט מען אויף די טרעפּ און שוועלן,
ליגט מען אויף די גאַסן־ברוקן,
מען צעוויקלט זיך, צעבינדט זיך —
זאָל מען אויף די וווּנדן קוקן!

זאָל זי זען, די זון, און לייכטן
אויף דער פֿרוכט פֿון בלינדער שנאה,
פֿרוכט אין פֿינסטערניש געפֿאַלן
האַרט, ווי איילבירטן, ווי גרינע.

זאָל לבנה, זאָלן שטערן
וואַך־זיין איבער נישט געהיטע
אונטער הימלען־שלאָפֿנדיקע
שאָף אַנטלאָפֿענע פֿון שחיטה.

באַרעמהאַרציקע

די דערמאָרדעטע
נחמה און מאַרטאַ — געווידמעט.

זענען קראַנקן־שוועסטער צוויי,
ווי יעדן טאָג — אַוועק אַזוי
מיט גיכע טריט
צום ווייסן הויז,
ווו קראַנקהייט בליט
און קוקט זיי אויס
מיט היץ און פיבער —
דורשטיק נאָך די שוועסטער־הענט,
וואָס לייגן צו און בינדן איבער
מיט אַזעלכע ליליען־פינגער,
גיסן זאַלבן, ציילן טראָפּנס,
מאַכן לינדער, מאַכן גרינגער,
מאַכן ווייכער דעם צוקאָפּנס,
און מיט אויגן — טויבן־אויגן —
באַרעמהאַרציק אָנגעבויגן,
ווי די מאַמעס איבער קינדער —
קראַנקע אין די קראַנקן־בעטן,
ווי אין קופּעס שניי — צו גלעטן,
וואַרעם גלעטן, וואַרעם טרייסטן:
וועסט נאָך ווידער, ווידער, ווידער — — —
אַלע זענט איר אונז דאָ, ברידער,
אַלע זענען מיר אייך שוועסטער
אין סכנה, אויך, אין גרעסטער...

און די קראַנקע —
שמייכלען, דאַנקען:
דאַנק אייך, האַרציקע און צאַרטע,
דאַנק — נחמה,
דאַנק דיר, מאַרטע!...

אָט אַזוי־אָ האָבן זיי —
די באַרעמהאַרציקע, די צוויי, —
צום הויז צום ווייסן זיך פאַרנומען,
און דאָס שוואַרצע געסל נישט אַריבער,
און פון שונאס שטאָט נישט צוריקגעקומען...

##ביימער אין פלאמען

ווי אַ קינד דאָ איז אַן אָפּגעהיטן ביימעלע,
אַזוי איז דאָ אַ ביימעלע — אַ קינד,
ווען מ׳ טאַטע־מאַמע גיבן אָפּ דעם לעצטן ביסן, —
ס׳זאָל זיך קרעפטיקן און ביישטיין יעדן ווינט
און וואַקסן אויף להכעיס אַלע שונאים,
און אַ טרייסט זיין און אַ צוזאָג זיין פאַר די,
וואָס האָבן זיי גענערט און אויפגעהאָדעוועט
מיט יאָרן בלוט און שווייס פון זייער מי.
— — — — — — — — —
די שטערן האָבן נאָר געזען,
די שטילקייט פון דער נאַכט — געהערט:
פאַרגנב׳ענען זיך ווייכע טריט
אויף אויפגעהאַקטער האַרטער ערד
פון שלאָפנדיקע פעלדער, סעדער, גערטנער.
שטערן האָבן נאָר געזען,
און ס׳האָט די נאַכט געהערט נאָר:
חיה׳ש אָטעם,
ציין־געקריץ,
אַ שאַרף געהאַק
און בלאַנק געבליץ;
אַ דין געקנאַק
פון ברעך און ריס;
אַ שדים־טאַנץ מיט הענט און פיס,
וואָס האָבן פייערן געוואָרפן
בלינדערהייט אויף יונגע שטאַמען;

זענען ווי אויף הירשן־פיס
געשטאַנען,ביימעלעך אין פלאַמען,
איבער וויאָרסטן, איבער מיילן —
נישט צום אָפּגעלאָשן ווערן:
און עס האָבן זיך פאַר צער
געלאָשן איינציקווייז די שטערן.

און דער טאָג האָט נישט דערקענט,
וואָס ער האָט אָנגעטרויט דער נאַכט,
און ס'האָט באַגינען זיך געדאַכט:
אַז ס'וויל די זון אַליין
פאַר טרויער און פאַר צער צוריק פאַרגיין.

נאָך שחיטה

ווי שוואַך, ווי בלאַס איז איצט דאָס שטאַרקסטע וואָרט
פֿון טרייסט — נאָך מאָרד, נאָך מאַסן־מאָרד,
נאָך שחיטה
איבער יונגע ביימעלעך,
ערשט נאָר־וואָס אויפגעבליטע.

ווי שוואַך איז און ווי בלאַס דאָס טרייסט־וואָרט,
און ווי קליין איז איצט די גרעסטע שטראָף
פֿאַר די, וואָס האָבן אומבאַגנעדיקט זי פֿאַרדינט,
כאָטש ס'האָבן פֿירער זיי, ווי שלעכטע פּיטערער
פֿאַרפֿירט אויף פֿרעמדע פֿעלדער, ווי די שאָף,
און אין דער פֿינסטער, אין דער בלינד —
געהייסן צינדן, אונטערצינדן,
נעמען אויף צוהילף דעם ווינט
און יידיש אָרעם גוטס
און אויסגעווייִנט פֿאַרמעג —
צו לאָזן איבער נאַכט
מיט אַש און רויך אַוועק.

איז יעדע שטראָף איצט קליין
און יעדעס טרייסט־וואָרט — שוואַך:
ווען צער מאַכט שטום, ווי שטיין —
איז אָרעם יעדע שפּראַך.

נקמה

וואָס ווייסט אַ הונט דעם אונטערשיד
פון קריסט און ייד,
פון מוסולמענער און — בכלל —
פון ראַסן־האַס ביז גיפט און גאַל,
פון „ווייסע", „שוואַרצע", „ברוינע",
וועלכע האַלטן ס'ליכט פאַר זייער שונא.

און דער הונט האָט נישט געוווסט,
אַז ס'קען דער באַלעבאָס זיינער, דער ייד,
נישט איבערטרעטן מער די שוועל
פון אַבו־סיד —
דעם שכן זיינעם, שוין פון כמה יאָרן;
ס'האָט דער כלב נישט געאַנט
פון ברענענדיקן צאָרן,
וואָס איז פלוצלינג אויסגעבראָכן
קעגן באַלעבאָס זיינעם —
מצד דעם שכן;
נישט געוווסט, פאַרוואָס די בלויע הימלען
ווערן שוואַרץ — באַטאָג, און רויט — באַנאַכט,
פון אונטערצינדונגען, פון איבערפאַל, פון שלאַכט,

און — ס׳איז דער הונט, ווי קיינמאָל גאָרנישט
(פון געוווינהייט שוין) — אַוועק אַליין
צום שכן אַבו־סיד, זיך שפּילן מיט די קינדער,
אָדער זאָפּלעקן ביי אים אין הויף אַ ביין
(ווי אַלע מאָל), נאָר אַבו־סיד
האָט אויך אויף אים געקוקט שוין פיינטלעך,
ווי ער וואָלט געזען ביי זיך, אַ ייד;
און אַבו־סיד באַשלאָסן האָט, אים פּטרן.
ביז: איינמאָל, ביי דעם הונטס אַזאַ וויזיט,
האָט אַבו־סיד אַ כאַפּ־געטאָן אים פאַרן האַלדז —
דערשטיקט און — טויטערהייט —
צוריק אַריינגעוואָרפן אים צום ייד,
אויף יענער זייט פון פּלויט.

אונזער שכן

אין אונזער ברוינעם שכן מיט דער אָרעמער קעפּיע און אַבאַיע —
האָט זיך אין אַ טאָג אַ שיינעם, אויפגעוועקט דער סטעפּ,
און אינעם סטעפּ — דער ווילדער מענטש — די חיה;
און דער שכן איז, נישט מיר, נישט דיר, אַרויס,
מיט בליצנדיקע אויגן און מיט שטשירענדיקע ציינער,
קעגן אונזער הויז, —
און אָנגעהויבן צו באַוואַרפן אונז מיט שטיינער,
און דערנאָך — געטון זיך פונעם אָרט אַ ריס,
און זיך אַריינגעריסן ווילד אין אונזער גאָרטן,
און דאָס גרינס געמומען טרעטן מיט די פיס,
און וואָס ער האָט נישט מיט די פיס געקענט —
געריסן און געבראָכן מיט די הענט,
און וואָס ער האָט נישט מיט די הענט געקענט —
געלאָזט מיט פייער און פאַרברענט.

און אַז דער ברוינער שכן אונזערער
האָט אָפּגעטון שוין, וואָס ער האָט געטון,
און איז, ווי קיינמאָל גאָרנישט, מיטן פנים קעגן זון
געקומען צו דעם ברונעם אונזערן נאָך וואַסער,
און מיר האָבן אים אַ פרעג־געטוען: היתכן?

ס'טייטש?! — אַ שכן, נישט פון היינט אַ שכן —
גייט און נעמט — — — — — — —
און קומט נאָך אָן חרטה און באַדוירן — — —
און דער שכן האָט זיך ווי אַ קינד פאַרשעמט
און ווי אַ שעפּס פאַרלוירן,
און פון גלאַנציקן און קופּער־ברוינעם שטערן
מיט אַן אַרבל זיך אַ וויש־געטון דעם שווייס,
און תמעוואַט געשמייכלט מיט דער ציינער־ווייסקייט: —
העי! איך ווייס?!
נישט אַנדערש, נאָר אַ שד האָט מיך געטון אַ כאַפּ;
— איך ווייס?? — געקומען די שאַבאַב,
געזאָגט: גיי, נעם, ס'איז דיינס;
געזאָגט,
אַז אַלץ, וואָס איר פאַרמאָגט —
איז מיינס;
געזאָגט, אַז יידן — — —

האָבן מיר דעם שכן אונזערן דערקלערט,
אַז ס'איז זיין אומצוטרוי און שרעק פאַר אונז — אומזיסט;
אַז יידן זוכן בלויז אַ היים־ווו אויף דער ערד,
און ערד, וואָס ליגט פאַרוואָרלאָזט און פאַרוויסט
און בעט זיך: נעמט, באַפרוכפּערט מיך, כ'בין גרייט
צו צאָלן יעדן פאַר זיין מי מיט ברויט —

איז דאָ געגנוג, אַפילו דאָ אין קליינעם לאַנד,
ווו ס'שטיקט און דריקט אי אונז, אי אייך,
ווי מיט אַ שטיוול אויפן האַרץ — אַ האַנט...
אַ האַנט, וואָס שיצט נאָר די, וואָס זענען רייך.

דער שכן האָט געהערט, געהערט,
און זייטיק זיך פאַרקוקט,
און זייטיק זיך פאַרקלערט,
געטון פון צושטימונג אַ רויען בריל: אַהאַ!
צום סוף, דערמאָנט זיך אָן זיין פעטן בייכיקן עפענדי
און אַ שפּיי־געטון: אַ קעלב אַזאַ!

קלאג און איינגעהאלטנקייט

הענגען טעג דאָ איצט, ווי קללות
פול מיט פינסטערניש פון טויט,
מיט לויות און יללות
קלאָג און — איינגעהאַלטנקייט.

טעג מיט פייער׳ קוילן, מעסער,
בלוט אין איבערפולער מאָס ;
און דער גרויל און שוידער — גרעסער
ווערט, פון וויי־געשריי : פאַרוואָס ?

און ווי לאַנג נאָך וועט עס דוירן
אָט דער ווילדער שדים־שפיל,
און ס׳וועט הפקר גיין פאַרלוירן —
לעבן, האָב, און — שאַ און — שטיל...

פונקט ווי נעכטן, אייערנעכטן
ערגעץ אין אַ גלות־לאַנד —
לאָזן, ווי די שאָף זיך שעכטן
און נישט רירן מיט קיין האַנט...

דאָ — ווו ס׳האָבן הענט באַוויזן
ווונדער פון פאַרמעסט און שווונג,
און מיט כוחות, ווי די ריזן —
אַלטקייט אָנגעשטעקט מיט „יונג".

און געברענט אַנטקעגן פלאַקער
פון גיהנומדיקע טעג
און אויף בערג, געשלעפּט דעם אַקער,
און דורך פעלז — געשניטן וועג.

און דעם טויט באַוועגט צום לעבן
און געמאַכט פון חלום וואָר,
און אַליין — זיך אָפּגעגעבן
פאַר אַ קומענדיקן דור.

פאַר אַ דור, אַ קערנדיקן,
ווי אַ מילגרוים פול מיט זאַפט,
און ווי ערד, וואָס זאָל צעשיקן
אין דער וועלט איר פרוכט פון קראַפט.
— — — — — — — — — —

הענגען טעג דאָ איצט, ווי קללות
פול מיט פינסטערניש פון טויט,
מיט לויות און יללות
קלאָג און — איינגעהאַלטנקייט.

פאַרוואָס און ווי לאַנג

איז פול שוין די לופט דאָ, מיט קלאָג און געוויין
און מען ווייסט נישט: פאַרוואָס? און מען ווייסט נישט: ווי לאַנג—
מען וועט נאָך לוויות כסדר דאָ גיין
מיט אַ טרויעריק, טיפן געזונקענעם גאַנג,

און טראַכטן, אַז מאָרגן געשען קען מיט מיר
און מיט יעדן פון אונז דאָ — דער זעלביקער סוף,
און — פאַלן אַ קרבן, ווייל ס׳לויערט אויף דיר
אין דער פינסטער—דער פיינט, ווי אַ טכויער אויף שאָף.

און פאַלן, ווי אונטערגעשאָסן אין פלי,
מיט צעבונדענע הענט און פאַרריסענע קעפּ
ביים ברענגען אַ קרבן דער בלוטיקער מי —
אויף צו וועקן צום לעבן דעם מדבר און סטעפּ.

פאַרטראַגט נישט דער שכן: דער זון פון מאַכמעד —
וואָס אין שכנות מיט אים, ווו פאַרוואָרלאָזטקייט בליט —
פאַרוואַנדלט די וויסטקייט אין דערפער און שטעט —
דער געקומענער היימלאָזער שכן — דער ייד.

איז — הערט מען נישט אויף, נאָך לוויות צו גיין
מיט אַ טרויעריק, טיפן געזונקענעם גאַנג,
און די לופט איז כסדר מיט קלאָג און געוויין,
און מען ווייסט נישט: פאַרוואָס? און מען ווייסט נישט: ווי לאַנג?!...

בלוט און פייער

בלוט און פייער; בלוט און פייער; —
וואָס וועט זיין דערפון?
וואָלט די אויגן כאָטש נישט רייסן
אָט אַזוי די זון,
און נישט לייכטן און באַלייכטן
אַזאַ צער און גרויל,
וועלכער לאָזט אויך ביימלעך יונגע
שטיין, פאַרברענט אויף קויל.

בלוט און פייער; בלוט און פייער; —
וואָס וועט זיין דערפון?
וואָלט דאָס שיינדל די לבנה,
כאָטש זיך אויסגעטון!
וואָלטן שטערן זיך געלאָשן
אין אַזעלכע נעכט,
ווען עס טרעפט אויך אינדערפינסטער,
דער, וואָס רויבט און שעכט.

בלוט און פייער; בלוט און פייער; —
וואָס וועט זיין דערפון?
וואָס וועט זיין פון אונזער חלום
אינעם לאַנד פון זון?
ציט דער היים־חלום זיך ווייטער
(נאָך אַזוי פיל יאָר!)
אָדער — ס'איז קאָשמאַר, פאַר אויפשטיין
צו דער גרויסער וואָר.

אין בלוט און אין פייער

אין בלוט און אין פייער
קומט אויס אונז די היים דאָ צו בויען,
אין בלוט און אין פייער —
צו לייגן די ציגל און טרעפּ
און וואַקסן און שטייגן אויף זיי,
אין די הימלען די בלויע,
וואָס ליגן צעפּלאַטערט אויף דעכער,
אויף טורעמס און קעפּ.

אין בלוט און אין פייער,
קומט אויס אונז צו גיין אלץ אַנטקעגן,
אין בלוט און אין פייער —
צו פירן דעם אַקער אין פעלד
און וואַרפן, ווי בריקן —
געפּלאַסטערט צעלאָפּענע וועגן,
און פילן אין אויפטו —
דאָס ווערן די אַקס פון דער וועלט.

נישט דערקענט

כהאָב זיי נישט דערקענט, די ברידער מיינע,
נישט דערקענט —
ווען פייער האָט אַרומגעכאַפּט דאָס לאַנד
און שטאָט און דאָרף — געברענט,
און ס׳האָבן מיינע ברידער אויף סירענע־רוף —
געטאָן זיך דאַן אַ לאָז אַרויס
פון יעדן צעלט, פאַבריק און הויז
און מחנה׳ווייז — אַנטקעגן שונא זיך געצויגן
מיטן אָפּשיין פון דער שריפה אין די אויגן,
און אַזוי — צעשטעלט זיך וואַנט נאָך וואַנט,
ווי שטאָל און אייזן, קעגן פייל פון בויגן.

כ׳האָב זיי נישט דערקענט, די ברידער מיינע —
ווען געפּאַנצערטע מיט גלויבן —
האָבן זיי די אַקערס אויף די פעלדער אויסגעשפּאַנט,
געכאַפּט די פערד
און מיטן גורל אין דער האַנט —
אַ ריס געטון זיך ווי די אָדלער פון דער ערד

און ווי אַ בליץ — אויף באַרג זיך אויפגעהויבן,
ווי אַ דונער — זיך אין טאָל אַראָפּגעלאָזט
און קולות, ווי די שטיינער, אויסגעשאָטן:
אונזער ערד!
מיר האָבן זי באַטראָטן
וויסט, פאַרלאָזט;
— זאָל פרווון ווער די שפּייכלערס אונז צערויבן,
— זאָל פּרווון ווער די שייערס אונז פאַרברענען.
מיר וועלן ווייזן ווער און וואָס מיר זענען!...

האָב איך נישט דערקענט, די ברידער מיינע:
פאַסטוכער, מיט גוטע אויגן שאָפענע —
פון פעלדער אָנגעלאָפענע
באַשיצן שאָף און רינד,
ווען ס׳זענען שוין געשטאַנען:
מאַן און ווייב און קינד,
ווי עקאַליפּטוסן און טאַנען
קעגן מדבר־ווינט:
די פיס פאַרוואָרצלט אינדערטיף,
די קעפּ פאַרקלעטערט אינדערהויך,
די הענט געקרייצטע אינדערברייט׳
געהילט אין פלאַם.

געהילט אין רויך

און — ווי די פעלזן — נישט געברענט...

און נישט דערקענט זיי, נישט דערקענט
האָב איך, די ברידער, מיינע ברידער,
נישט געגלויבט אַז, פון דער נידער
וועלן זיי זיך דאָ דערהייבן;
אַז פון מיינע ברידער — לעמער
זענען אויסגעוואַקסן — לייבן.

מיר

מיר ווילן פון אָרט זיך נישט רירן,
מיר ווילן פונדאַנען נישט גיין —
איר זאָלט אונז אַפילו נישט לאָזן
אַ שטיין אויף אַ שטיין: —
אַזוי האָבן יונגע, אַזוי האָבן אַלטע באַשלאָסן,
ווען ס'האָט זיי דער שכן — דער שונא —
די הייזער באַשאָסן,
ווען ס'האָט זיי דער שכן
די פלויטן און טירן געבראָכן,
דעם גאָרטן, דאָס פעלד און דעם שייער
געלאָזט מיטן פייער.

מיר ווילן פון אָרט זיך נישט רירן,
מיר ווילן פונדאַנען נישט גיין,
און — ס'האָבן זיך לעבנס געקלאַמערט
צום אָרט, מיט די נעגל און ציין:
מיר האָבן דאָ מדבר און סטעפּ בלויז באַטראָטן,
אין וויסטקייט געקומען — געפינען אַ היים,
מיט שווייס און מיט בלוט זיך אין אויפבוי פאַרקנאָטן,
געווען דער צעמענט דאָ, די ציגל, דאָס ליים,
איצט קענט איר אונז נאָר אונטערברעכן דעם בוים
אָבער נישט צו די וואָרצלען די טיפע דערגיין.

מיר וועלן פון אָרט זיך נישט רירן,
נישטאָ קיין צוריק פאַר אונז, ניין!
מען האָט אונז די בריקן געריסן,
מען האָט אונז די וועגן פאַרשפאַרט.
איר קענט אונז, ווי שונאים — באַשיסן —
מיר זענען, ווי פעלזן שוין האַרט,
דער גורל, ער האָט אונז געשטיינערט,
דער אמת — געגעבן געדולד
אויפן טאָג פונעם משפט צו וואַרטן,
דער טאָג קעגן די, וועמענס שולד
ס'איז — פייער און בלוט אויף די פעלדער
פון אויפלעב, דורך אונז נאָר אַליין;
מיר וועלן פון אָרט זיך נישט רירן,
מיר וועלן פונדאַנען נישט גיין.

זיי

זיי זענען אומעטום די זעלבע,
אומעטום מיט אַלץ און אַלעמען נישט גלייך —
די יעניקע, וואָס זייער ציל דער איינציקער
איז: ווערן רייך נאָר, רייך,
און לעבן גוטע טעג,
און לעבן גוטע נעכט,
און זיכער זיין מיט זייער רויב־פאַרמעג —
געהיטן און פאַרהיטן — דורך די קנעכט.

די פעטע העכט —
זיי זענען אומעטום די זעלבע;
אומעטום און אויכעט דאָ —
אין אונזער היים
און „זייער" לאַנד.
ווו אויסגעשלאָגן האָט די שעה,
די שווערסטע שעה פון זיין געשפּאַנט
און אַנגעצויגן, ווי מאַטראַזן,
וועלכע טאָרן אינעם גרעסטן שטורעם
ביז צום סוף — די פאָסטנס נישט פאַרלאָזן.

זיי — די גייציקע, די כיטרע פוקסן —
קענען אומעטום אויך ווערן האָזן,
און די ערשטע — פון געפּאַר זיך אָפּצוטראָגן;
און די לעצטע — אויף צו געבן וואָס צו־שטייער,
ווען אַפילו ס׳גייען זיך פּאַר זיי אויך שלאָגן —
די, וואָס האָבן גאָרנישט פונעם „מיין און דיין״,
נאָר — פייער קעגן פייער
פונעם שונא:
ווען און ווו און ווער ער זאָל נישט זיין.

אבלדיק

אַן אָבל איז היינט דאָ אין לאַנד יעדער יידישער פּויער,
אַן אָבל, וואָס קען זיך קיין שיבעה נישט זעצן אין טרויער,
נאָך לעבנס, נאָך לעבעדיק האָב — פעלדער גרינס, ווייץ און קאָרן,
נאָךביימער, וואָס זענען פאַרברענט זיי און עוקר געוואָרן.

און אָבלדיק זענען אין לאַנד איצט די שאָפער און בויער,
וואָס האָבן קיין צייט נישט, זיך שיבעה צו זעצן אין טרויער —
באַטאָג, אין וואַרשטאַטן, בײַ טראַקטערס און אַנדערע פליכטן, —
באַנאַכט, אויף דער וואַך, קעגן פּראַים, וואָס קומען פאַרניכטן,

איז אָבלדיק ס'לאַנד, ווי דער בירגער, דער בויער און פּויער
און אַלעמענס טרויער דאָ איצט איז מיין אייגענער טרויער,
מיט וועלכן מען קען זיך קיין שיבעה נישט זעצן און קלאָגן
נאָר אַקערן טיפער — דאָס אויפגיין זאָל העכער נאָך, שלאָגן

אין לאנד פון אונזער האפענונג

דעם אָנדענק פון אַלכסנדר זייד

דאָס קליינע לאַנד פון אונזער גרויסער האָפענונג,
דאָס קליינע לאַנד פון אונזער גרויסער פרייד —
דאָס קליינע לאַנד איז אונזער גרויסער טרויער איצט
אַ טיפער טרויער נאָך אַ נאָענטנס טויט.

דעם טויט דאָ זייעט אונז דער שכן אונזערער,
וואָס זיצט מיט אונז אַ טיר דאָ ביי אַ טיר;
דער שכן אונזערער, וואָס לעבט אין פינסטערניש
און קאָן אָן מעסער זיך נישט טאָן אַ ריר...

און ווען און וואָס ער טוט, איז נאָר ווייל „אַללאַ" וויל,
(צו מאָרד טראָגט יעדער מיט זיין „גאָט" אין האַרץ...)
און יאָרן — ציילן מיר, די טויט פאַרשניטענע,
וואָס ווערן יעדן טאָג געדעמט אין שוואַרץ.

די הימלען זענען ווייטער פול מיט בלויקייטן
עס שיינט די זון, ווי שטענדיק בלענדיק, העל,
נאָר ס׳גייט איצט גאַנצע טעג אַרום, אַ ליכטיקער,
דער טרויער, אַרום יעדער טיר און שוועל.

און קוקט מיט ווי אַרויס פון יעדנס אויגן דאָ,
און פרעגט זיך אומבאַהאָלפן שטומערהייט:
„ביסט דו דאָס לאַנד פון אונזער גרויסער האָפענונג?
ביסט דו דאָס לאַנד פון אונזער גרויסער פרייד?

פאַר וועלכע זינד — אַזוי פיל בלוט און פייער דיר?
וואָס קומט פאַר בויען אין דער מדבר — הים,
און פאַר אַרויסשלאָגן פון זאַמדן ברויט פאַר זיך
און פון אַ שטיין אַ נאַקעטן — אַ בוים?!"

דער טרויער פרעגט און ציילט די אומגעקומענע:
די מענטשן, ווי די ביימער, און פאַרקערט — — —
ער מעסט אַ יעדעס אָפּגעברענטע תבואה־פעלד,
וואָס האָט געלאָזט נאָך זיך פאַרקוילטע ערד.

נאָר טראַקטערס וואַרפן־איבער און צעאַקערן
אויפסניי די פעלדער, אָבלדיקערהייט: —
ווייל ס'לעבן גייט, ווו לעבעדיקע לענקען עס,
און לעבעדיקע דאַרפן שטענדיק ברויט...

חניתה

נישט דאָס ערשטע, נישט דאָס לעצטע װוּנדער,
וואָס דאָס װוּנדערלאַנד דאָ האָט באַוויזן,
און — דורך בלוט און פייער, צו „חניתה" —
האָבן נאָר געקענט באַווייזן — ריזן.

זענען זיי געוווּנשענע — געקומען,
אָט, ווי איך — אַזעלכע גלות־יידן,
מיטן ציל: אויפסניי זיך איבערבויען,
איבערפורעמען און איבערשמידן: —

זענען זיי געקומען און געלאָזט זיך
איבער וויסטע, דראָענדיקע וועגן,
וווּ עס האָט דער טויט אויף זיי געלויערט
און איז אָפט, געגאַנגען זיי אַנטקעגן.

אַנשטאָט ערד — באַטראָטן האָט מען זאַמדן,
הייסע זאַמדן, שטיינער דורכגעגליטע,
ווילדעניש, אַזאַ, ווי ס'איז די געגנט
וווּ עס ליגט דער נייער פונקט: חניתה —

אויפגעשטעלט דורך שווערע טעג און נעכט פיל,
זיך מיט סטעפּ און מדבר, צו פאַרמעסטן —
שטייט זי הויך, אַנטקעגן אַלע ווינטן,
שטאָלץ און דרייסט און זיכער, ווי אַ פעסטונג:

זאָל אַ פּרווו־טאָן וואָס און ווער עס וויל נאָר
אונזער נעסט די נייע דאָ, צעשטערן!
און דער שונא פון אַרום, ער קען נישט
אָן קיין פּחד — פון חניתה הערן.

וויפל מאָל געפּרוווט שוין אירע וועגן
און אויף אירע פעלדער שוין פאַרקראָכן?
וויפל מאָל מיט פייער זי געשטורעמט
און אָן אירע ווענט דעם קאָפּ געבראָכן?—

האָט עס אים דעם חשק אָפּגענומען,
ווייל „חניתה", ווי דאָס לאַנד דאָ — גרייט איז
אונזער פיינט: דעם שכן, צו באַווייזן,
אַז דאָס לעבן, שטאַרקער פונעם טויט איז.

קליין איז דאס לאנד

קליין איז דאָס לאַנד פון מיין חלום,
נאָר גרויס האָט עס וווּנדער באַוויזן,
אַז ס׳קענען ווען שוואַכע און קליינע,
געבויגענע — אויסוואַקסן ריזן,

ווי ס׳וואַקסן פון שטענגעלעך — דעמבעס,
וואָס ברעכן די ציין פון די זעגן,
און שטעלן דעם בליץ און דעם דונער —
דעם כוח פון וואָרצלען אַנטקעגן.

קליין איז דאָס לאַנד פון מיין חלום,
נאָר גרויס איז אין אים די דערוואַרטונג
פון די, וועלכע זענען געקומען
די סטעפּישע בערג אַ צעשפּאַר־טון,

און אויסגלייכן טאָלן פון אומקום,
דורך זומפּן פון שלענג און מאָסקיטן —
ס׳זאָל ווערן אויף שטיינער און זאַמדן
געאַקערט, געזייט און געשניטן.

קליין איז דאָס לאַנד פון מיין חלום,
נאָר גרויס די עקשנות און גלויבן
פון די, וועלכע ס׳האָט דאָ דער ווילן
געזיכערט, געשטאַרקט און דערהויבן;

דערהויבן צו הייכן פון טורעמס
צעשטעלטע מיט נאַכט-פּראָזשעקטאָרן,
וואָס זוכן די פיינט דאָ, וואָס שטעקן
ווי פעלד-מייז אין ווייץ און אין קאָרן.

ווו זענט איר געוועז?

זאָלן אָפּגעדאַרט ווערן די הענט,
וועלכע האָבן געצונדן, געברענט
און פאַרברענט אייער ברויט —
אויף די פעלדער,
וואָס איר האָט מיט לייב און מיט לעבן פאַרזייט —
ווען זיי זענען געוועזן נאָך די זומפּיקע נעסטן פון טויט...

זאָלן אָפּגעדאַרט ווערן די הענט,
וועלכע האָבן דאָס ברויט אייך פאַרברענט;
אָבער איר, מיינע ברידער,
איר — זייער און שניטער,
איר — היטער,
ווו זענט איר געוועזן —
ווען מען האָט נאָר אַ פונק בלויז, אַ בייזן,ביים שכן געזען,
און פאַראויסגעזען,
אַז עס וועט קומען מיט שטורעם אַ ווינט,
וואָס וועט ס'פייער צעטראָגן,
אַזוי ווי איר זעט עס אַצינד.

ווו זענט איר געוועזן —
נישט צו שניידן פון מיטשולד די פרוכט —
ווייל איר האָט נישט דעם וועג
צו דעם שכן דעם נאָנטן געזוכט;

ווייל איר האָט נישט געפּרוּווט
פאַרן שכן געפינען אַ וואָרט,
וואָס זאָל אין זיין פינסטערניש
ליכטיק אים מאַכן דאָס אָרט,
ווי ער האָט, אַנשטאָט שאַרפן די קאָסע
אויף ברכה פון שניט —
באַהאַלטן, געשאַרפט פאַר אייך ס׳מעסער,
פון שנאה צעגליט.

ווען איר וואָלט ווען דעם האַלב־ווילדן שכן דערקלערט
אַז: געוואוּג איז פאַרהאַנען פאַר אַלעמען ערד,
וועלכע ווייסט נישט פון ייד, מוסולמענער און קריסט,
און ז׳איז גוט און געטריי, ווי אַ מאַמע, צו די,
וואָס גיבן זיך אָפּ איר מיט שווייסיקער מי —
נישט צו לאָזן זי נאַקעט פאַרוואָרלאָזט און וויסט;
ווען איר וואָלט עס אים אויפגעקלערט פשוט און פּראָסט,
ווי אַ מענטש, ווען ער איז נישט מיט אייגנס געבלענדט —
וואָלטן אייערע פעלדער נישט איצטער געברענט,
און מ׳וואָלט נישט געשיקט צו דעם שכן אַ קללה,
אַז: אָפּגעדאַרט ווערן אים זאָלן די הענט...

איבערפאל

שפעטע נאַכט,
ווי אָפּגעמעקט פון יעדן שפּור פון לעבן —
ליגט אין טאָל צעווישן בערג דער קאָלעקטיוו,
ווי צוגעדעקט מיט פינסטערניש געדיכטער.
שטערן פרוון לייכטן און באַלייכטן,
צינדן זיך און זשמורען ווי מיט אויגן,
לעשן זיך — דערטרונקען אינעם חושך.
טויבע שטילקייט —
ווי דעם אָטעם איינגעהאַלטן
וואָלט דער פינסטערער אַרום.
אַ ביקסן־שאָס — אַ הילך,
ווי ס׳וואָלט פון בליי אַ טראָפּן
דורכגעזעצט די נאַכט
און ווי אויף שפּליטער־שטיקלעך
ערגעץ זיך צעשאָטן.
נאָכן ערשטן ביקסן־שאָס — אַ צווייטער,
נאָך אַ ווייטערער — געשיקט אַן ענטפער.

ווידער שטיל, נאָך שטילער ווי געווען,
און אין דער שטילקייט — דרעמלענדיקע אומרו.
פון דער פינסטער טיילט זיך אויס אַ סילועט:
אַ שומר מיט אַ ביקס,
גישט לאַנג נאָך אים — אַ צווייטער סילועט:
אַ צווייטער שומר.

ערשטער שומר: נו, ווי זעט עס אויס?
וועט בויטיק זיין נאָך קוילן היינט,
צי ס'וועט געבוג זיין?

צווייטער שומר: כ'מיין אַז ס'וועט נישט סטייען,
עס געפעלט מיר עפּעס נישט די שטילקייט,
שטיל אַזוי איז שטענדיק ערב עפּעס...

ערשער שומר: זייער נאַכט היינט.
האָסט געזען אַ פינסטערניש?!
דערצו די פייכטקייט —
ממש עס צענעמט די ביינער,
ס'מלבוש קלעפּט זיך מיר צום לייב שוין
אויך די ביקס אין האַנט איז קלעפּיק,
ס'איז אַ נאַכט אַזאַ, פאַר פלינקע קעץ נאָר
און פאַר כיטרע פוקסן...

אַ שאַקאַל האָט זיך צעקלאָגט,
אַ צווייטער און אַ דריטער
און נאָך זיי: אַ גאַנצע עדה —
קלאָגט אַ הונגעריק געקלאָג,
אַריין, אין טויבער נאַכט.
אַ פלעמל פון אַ האַנט־לאַמטערנע
שווימט פון ווייטנס נאָנט פון דר׳ערד
אַנטקעגןביידע שומרים.
ביידע בלייבן שטיל
און קוקן אין דערוואַרטונג
אויפן קומען פונעם פלעמל,
וואָס באַלייכט און וואַרפט אַ שאָטן
פון אַ מענטש, וואָס נענטערט איילִיק.

איינער פון די שומרים: ווער איז?

ענטפער: איך פון דריטן פאָסטן!

ס׳פלעמל לעשט זיך.
אין דער פינסטער —
דריטער סילועט וואַקסט אויס.
דער דריטער: (סאָפּנדיק און איילִיק)
— פונעם צווייטן פונקט געקלונגען

האָט מען, אַז פאַרהאַן סימנים,
אַז מיר דאַרפן היינט זיך ריכטן
אויף אַ איבערפאַל פון דרום,
און מען הייסט אונז האַרט ביים וועלדל
באַלד פאַרגרעסערן די שמירה.

צווייטער שומר: ס'איז באַטאָג געווען שוין קענטיק,
ס'האָבן חברה ביי דער אַרבעט
אויף די פעלדער, היינט פאַרדעכטיקט —
ס'ציען זיך פון קאַראַוואַנען,
באַרג אַראָפּ־צו מיט דער וואַדי
פול באַזעצט און אָנגעלאָדן
ווי צו אַ באַלאַגערונג:
מיט ווייב און קינד,
מיט זעק אויף רויב,
מיט בלעכן נאַפט
אויף אונטערצינדן...

ערשטער שומר: (ווי צו זיך) — דער טייוול ווייסט זיי,
וואָס דער סוף וועט זיין דערפון און ווען?
נישטאָ שוין באַלד קיין כוח אויף די פיס צו שטיין
פון וואַך־זיין און פון קעמפן מיט די כנופיות,
נאַכט נאָך נאַכט, חדשים לאַנג אַזוי!

דער דריטער שומר: — כ׳מיין ס׳איז נישט געוואונטשן,
אַז מיר זאָלן אַלע דריי דאָ שטיין איצט,
לאָמיר זיך פונאַנדער — — —
(ענדיקט נישט דאָס וואָרט,
און אלע דריי באַפאַלט אַ שווער אומהיימלעך שוויגן).
אויפן שוואַרצן נאַכט־פאָן —
אַ פאַרדעכטיק רייטלען זיך,
ווי פון אַ זון־אויפגאַנג;
די רויטקייט הייבט זיך,
שטייגט און שטאַרקט זיך;
פינסטערניש טרעט הינטערווייַלעכטס אָפּ
דאָס אָרט, פאַר רויטקייט פון אַ ים מיט פייער.
לאַגער־הויף מיט הייזלעך, שטאַלן, שייַערס —
ליכטן אויף מיט רויטקייט פון אַ שרפה...

אַן אַלאַרעם־קלאַנג פון הויף־גלאָק.
אַ געלייף פון סילועטן.
ס׳הערן זיך די ביקסן־שלעסער.
ערשטער זאַלפּ און צווייטער, דריטער,
קוילן בליצן אויף און קנאַלן,
רייסן אויף די נאַכט די טויבע,
און אַ טראַקטאָר קנאַקט און טראַסקעט
אויפן רויטן פעלד מיט תבואה,

רייסט און דישעט צו מיט גליבעס ערד —
דאָס פרעסנדיקע פייער...

ביי דעם אָפּשיין פון דער שׂרפה
טראָגט אַ גרופּע מענטשן ווען,
ווי די ציינער קריצן שטיינדלעך
אונטער טריט פון די, וואָס טראָגן
דורכן הויף אַדורך אַ קרבן:
אַ פאַרוווּנדעטע שומרת.
זי — געהיטן האָט דעם גורן
און די ערשטע קויל געשיקט זיי,
ביז דער לעצטער קויל אין טאַש —
געפייערט און נישט אָפּגעטראָטן...

הויף ווערט ליידיק, שטיל און שטילער.
שיסעריי ווערט שוואַך און שוואַכער,
שאָסן איינצעלנע און ווייטע
קומען שוין ווי אָפּגעשלאָגן:
אויך דאָס פייער פאַלט און לייגט זיך
און די רויטקייט — בלאַס און בלאַסער —
קריכט איינגאַנצן אָפּ פון הימל,
און אַ האַלבע נאַכט בלייבט ליגן
ווי אַן אויסגעברענטער שייטער...

ס׳פיקט זיך שוין אויף טאָג.
אַ מאַטע בלאַסע בלויקייט
גייט פאַרשלאָפן אויף אין האָריזאָנט.
די זון שלאָגט קוים זיך אָן, אָן הימל
ווי אָן שאָלעכטס פון אָן איי,
וואָס פּלאַצט, צעפּאַלט
און לאָזט אַרויס אַ ניי־געבוירן לעבן.

— — — — — — — —

אַ געקריי, אַ הירזשעריי און קי־געמעק,
געגיי פון הייזער, צעלטן און באַראַקן,
ס׳קלאַפּן רעשיק מילך־קאַנען און ס׳קלינגען
ציימלעך, קייטלעך, רינגען פון געשפּאַנען;
ס׳איז דער הויף — נישט אויסגעשלאָפן — וואַך שוין
אינעם בלויען טויאיקן באַגינען,
וועלכער טריפט אויף אַלץ מיט טראָפּנס פייכטקייט
פריש, ווי נאָך אַ רעגן.

אינעם עס־זאַל, בײַ דער קיך,
אַרום דעם לאַנגן טיש בײַ פרישטיק:
חברה טיילן זיך מיט איבערלעבונג פון דער נאַכט,
און טומל הייבט־זיך מיט דער פּאַרע
פון די טעלער, טעפּ און קריגלעך;

איינער פֿאַלט דעם צווייטן אין די רייד אַריין,
אַ שטים פֿאַרשרייט אַ שטים,
ס'האָט יעדער עפּעס צוצוגעבן,
צוצוגעבן, צוצוואַרפֿן
פֿאַרב צום בילד און פֿייער
צו דער נאַכט־דערציילונג...

„ס'איז געווען שוין איינמאָל פֿון אַ נאַכט!
עס האָט זיך זיי געלוינט דער עסק..."
„זיך געריסן ווי די לייבן
און געפֿאַלן ווי די פֿליגן..."
„בלינדע זענען זיי, וואָס ווייסן זיי! —
מען הייסט זיי גיין, איז — גייט מען
פֿון די פֿירערס אָפּגעקויפֿטע,
פֿאַר אַ פּעקל סיגאַרעטן..."
„וואָלטן איינמאָל די עפּענדיס
כאַטש, אַרויס מיט זיי צוזאַמען
און פֿאַרזוכט אַ קויל אַ הייסע —
וואָלטן זיי געוווּסט, וואָס הייסט עס:
וואַרפֿן מענטשן בלינד אין פֿייער,
מענטשן, אַרבעטס־מענטשן פּונקט ווי מיר
און — קענען זיין אונז ברידער".

„ס׳וועט נאָך דוירן, לאַנג נאָך דוירן,
ביז די בלינדע וועלן ווערן זעעוודיק
און אָנהייבן פאַרשטיין אי אונז אי זיך אַליין...״
„פאַרהאַנען, צום באַדויערן, אַ צד באַ זיי
און אויך אַ צד באַ אונז,
און נאָך אַ „דריטער צד״. —
די אַלע צדדים ווילן נישט
אַריינטראָגן קיין ליכט צו זיי,
עס לוינט זיי נישט, —
ווייל אינדערפינסטער
טוט זיך „שוואַרצע אַרבעט״ בעסער.
ס׳וועלן, ווער־ווייסט וויפל צייטן,
מוזן אָפּגיין נאָך אין בלוט...״

דער הויף־גלאָק האָט אַ קלונג־געטאָן
און אָנגעזאָגט דעם אַרבעטס־טאָג,
און חברה זענען מיט די לעצטע ביסנס
פון דער קיך אין הויף אַרויס,
און פונעם הויף — ווי זעלנער זיך צעשאָטן
מיט די אַרבעטס־כלים,
ווער צופוס און ווער מיט פורן,
ווער מיט טראַקטאָרס, ווי מיט טאַנקן: —

זיך צעפֿאָרן, זיך צעגאַנגען

איבער טויאיק פֿייכטע וועגן,

צו די פֿעלדער, צו די כּרמים,

וועלכע ווילן גאָרנישט וויסן,

און זיי וואַרטן,

און זיי מאָנען:

בלוט און שווייס פֿאַר ברויט און ברכה.

שפאניע, כינע, ארץ־ישראל

צי יאָ, צי נישט קיין יידישע מדינה:
שפּאַניע, כינע —
אָט, וואָס מיך גייט אָן!
מיט זיי — מיט שפּאַניע און מיט כינע —
שטייט אַ וועלט אין קאָן;
אַ וועלט, ווי אויף אַ וואָגשאָל פון אַ וואָג,
וואָס ציט אַראָפּ צו נאַכט
און שטעלט זיך קעגן טאָג.

און — נישט די יידישע מדינה — — —
שפּאַניע, כינע —
אָט, וואָס מיך גייט אָן!
מיט זיי — מיט שפּאַניע און מיט כינע —
שטייען ראַסן,
שטייען קלאַסן
איצט אין קאָן;
און וואָסער זיגער־פאָן
ס'וועט פלאַטערן אין שפּאַניע און אין כינע —
פלאַטערן וועט אומעטום און דאָ,
און וואָ'סער שעה ס'וועט אויסשלאָגן אין זיי —
אַזאַ וועט שלאָגן אומעטום, די שעה.

א י נ ה אַ ל ט :

מיין ברענענדיקער שטאָם 5
עפּנט ! 6
* 7
שכנות 8
צו אַבדאַללאַ'ן 9
פינסטערניש 10
אין נעכט פון שרעק 11
די שוואַרצע האַנט 12
פליטים 14
באַרעמהאַרציקע 16
ביימער אין פלאַמען 18
נאָך שחיטה 20
נקמה 21

פאַרוואָס און ווי לאַנג 28
בלוט און פייער 29
אין בלוט און אין פייער 31
נישט דערקענט 32
מיר 35
אונזער שכן 23
קלאָג און איינגעהאַלטנקייט . . . 26
זיי 37
אָבל'דיק 39
אין לאַנד פון אונזער האָפענונג . . 40
חניתה 42
קליין איז דאָס לאַנד 44
ווו זענט איר געווען? 48
איבערפאַל 48
שפּאַניע, כינע, ארץ־ישראל . . . 58

פון זעלבן מחבר:

אין זוניקן לאַנד
פאַרלאַג „נייע קולטור", וואַרשע 1927

*

רויט אויף שוואַרץ
פאַרלאַג „נייע קולטור", וואַרשע 1929

*

גאָלדענע זאַמדן
פאַרלאַג „אייגנס", וואַרשע 1932

*

סערגיי יעסענין
פאַרלאַג „אייגנס", וואַרשע 1933

*

מיט לענדער גלייך
פאַרלאַג „אייגנס", תל־אָביב 1934

*

די 24־סטע שעה
פאַרלאַג „אייגנס", תל־אָביב 1935

*

פאַר מיר און פאַר אַלע
פאַרלאַג „אייגנס", תל־אָביב 1936

*

אָנוווקס
פאַרלאַג „אייגנס", תל־אָביב 1938